שבת, סעפּטעמבער 3, 1938

## אַ בלעטל פון אַ מאַנוסקריפּט




פון
משה שטאַרקמאַן

דער טאָ...

שבת, 3טער יוני, 1939

### נייע ביכער און זשורנאַלן

מעינקע קאַץ: „ס'האָט דאָס וואָרט די באָבע מאַינע". ניו יאָרק, 1939, 64 זייטען. — מעינקע קאַץ איז איינער פון די באַוואוסטסטע יונגע אידישע דיכטער פון דער לינקער „פּראָלעטפען"־ריכטונג אין אונזער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. אַרום איהם און זיינע לידער זיינען שוין פאָרגעקומען אינטערעסאַנטע דיסקוסיעס און פּאָלעמיקעס אין דער אידיש־קאָמוניסטישער און אַלגעמיינער פּרעסע. וויליאַם איבראַמס, אין זיין עסיי „מעינקע קאַץ אין קאַמף פאַר זיין דיכטערישער פּאָזיציע" (זייטען 3—13), וואָס איז אַ פאָרוואָרט צום בוך, מאַכט אַ סך־הכל פון דער פּאָלעמיק אַרום קאַץ'ס דיכטונג און ער גיט אַ כאַראַקטעריסטיק פון דעם דיכטער'ס ביישטייער צו דער אידישער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע. „ס'האָט דאָס וואָרט די באָבע מאַינע" איז שוין קאַץ'ס פערטע לידערזאַמלונג. זיינע פריערדיגע ביכער זיינען: „דריי שוועסטער" דערשינען אין 1932; „דער מענטש אין טאָגן" דערשינען אין 1935; „ברענענדיג שטעטל", בוך איינס; „ברענענדיג שטעטל", בוך צוויי, ביידע דערשינען אין 1938. אין דעם בוך „ס'האָט דאָס וואָרט די באָבע מאַינע" איז אויך אָפּגעדרוקט דאָס ליד „דער בראָנזער פּחד". עס ווערט אָנגעוויזען אין אַ הערה, אַז דאָס ליד ווערט געבראַכט „ווי אַ דאָקומענט, אַרום וועלכען ס'איז אָנגעפירט געוואָרען די „דיסקוסיע"—דער אָנפאַל קעגן מיר".